# ליל שבת קודש פרשת דברים ה'תשס"ו

פרייטאג צו נאכט'ס אין ערשטע סעודה האט געשמועסט מוהרא"ש נ"י זייער גיוואלדיגע נורא'דיגע רייד אויפן רבינ'ס ווערטער אין ספה"ק ליקוטי מוהר"ן חלק ב' סי' קכד, וואס רעדט וועגן א דערוועקעניש (התעוררות) וואס א מענטש באקומט אין א געווסע פלאץ, עיין שם.

און האט אנגעהויבן מוהרא"ש נ"י: **רבי נתן ז"ל זאגט, איך האב געהערט אין זיין נאמען (פונעם רבי'ן) וואס ער האט געזאגט אז אמאל קומט אן צו איין מענטש א הרהור תשובה (טראכט אריין זיך אומקערן צום אייבישטער) מיט השתוקקות (גלוסטען) צו השם יתברך אויף א געווסע מקום, אז ער דארף אין יענע מקום דייקא זיך מחזק זיין מיט די הרהור תשובה און השתוקקות, אזוי ווי ריידן דארט אפאר דיבורים פון תחינות מיט בקשות, אדער דיבורים פון השתוקקות מיט דער מויל מיט די הארץ לויט די ענין, און ער זאל נישט ווארטן און זאל זיך נישט רוקן פון זיין ארט, אפילו אז די פלאץ איז נישט אנגעגרייט צו דעם, אזוי ווי ער געפינט זיך נישט אויף זיין קביעות'דיגע פלאץ צו תורה מיט תפילה, נאר ער גייט אויף זיין וועג. א. א. וו. ווייל ווען ער וועט זיך א וועק רוקן פון זיין פלאץ, קען זיין אז די התעוררות וועט זיך אפשטעלן.**

**און אזוי האט מען געזהען ביים הייליגען רבי'ן ז"ל, אליין, אפאר מאל, אז ער איז געבליבען שטיין אינמיטען שטוב, און ער האט גערעדט**

מיט אונז, און ער האט אנטפלעקט אוונדערליכע תורה און א שיינע שמועס, און ער האט אנטפלעקט וונדערליכע ווענגן צו דינען השם יתברך, מיט אן גרויסע התעוררות וכו', און ער האט נישט געוואלט זיך אוועק רוקן פון זיין פלאץ, ביז ער האט געענדיגט וואס ער האט געוואלט. און אזוי איז געווען אפאר מאל, ביז דא איז די ווערטער פונעם הייליגן ר' נתן זי"ע.

און האט אויף געקלערט מוהרא"ש נ"י, ס'איז דאך באוסט אז נשמות ישראל האבן א גרויסן כח הייליגן די פלאץ וואס זיי זיצן דארט מיט קדושת ארץ ישראל (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' ס"א), און ווען זיי לערנען תורה און זענען מקיים די מצוות אויף א מקום, קומט אראפ אויף דער מקום א העכערע קדושה, און יעדער וואס קומט אן צו דער מקום, גייט אריין אין איהם א עספעציעלע ליכטיגקייט, מיט א גרויסע בענקעניש, ארויף צו גיין און זיך מדבק זיין אין באשעפער, ווייל די הייליגע רשימו וואס ווערט געמאכט אין יענעם מקום, קומט אריין אין איהם און איז איהם מעורר צו השם יתברך.

און ס'פארהאנען אפאר מעשיות פון צדיקים, וואס זיי זענען אנגעקומען צו איין ארט און זיי האבן געפילט דארט א עספעציעלע הארה, וואס דארט רוהט ריח גן עדן, און ווען מ'האט נאכגעפארשט איז מען געוואר געווארן אז אין יענע מקום האט מען געטוהן א גרויסע מצוה, מיט א געוואלדיגע קידוש ה', און דערפאר איז געווארן געצייכענט יענע מקום מיט א דערהויבענע קדושה.

breslevcity.co.il

און דאס וואס איז אונז מגלה דער רבי זי"ע, אז טאמער א מענטש באקומט פלוצעם עפעס א הרהור תשובה מיט א התעוררות, אויף א געוויסע ארט וואס ער שטייט דארטן, אפילו אינמיטן די מארק־ זאל ער זיך נישט פון דארט אוועק רוקן, ביז ער וועט ריידן דארט עפעס פון תפילה אדער השתוקקות צו השם יתברך. ווייל טאמער ער וועט זיך רוקען פון די פלאץ קען זיין אז ס'וועט נפסק ווערן די התעוררות, ווייל די התעוררות קומט ממש פון די מקום. און אויב ער וועט פון דארטן אוועק גיין – וועט אוועק גיין אויך די התעוררות. אבער אויב ער וועט דאס אויפכאפען צו א דבר שבקדושה וועט דאס ביי איהם בלייבן שטענדיק.

און אויך אויף די פארקערטע זייט, אין א פלאץ וואס מ'האט דארט געטוהן א עבירה חס ושלום, איז שורה אויף די מקום פינסטערניש מיט א גרויסע טומאה, רחמנא ליצלן, און ווער ס'קומט אן אהין, פאלט אויף איהם א גרויסע חשכות, און ער ווייסט גארנישט פארוואס, און דאס איז ווייל מ'האט דארט געטוהן אן עבירה, רחמנא ליצלן, און די קליפות וואס זענען באשאפן געווארן פון די עבירה רוהען דארט, און אזוי ווי עס געוועןן עטליכע מעשיות ביי צדיקים, וואס זיי זענען אנגעקומען צו איין ארט, און ס'איז אויף זיי געפאלן א גרויסע שרעק, זענען זיי פון דארט א וועק געלאפן מיט א שנעלקייט, און דערנאך, ס'האט זיך אויס געוויזן, אז אין יענע פלאץ געטוהן געווארן גרויסע עבירות, רחמנא ליצלן.

breslevcity.co.il

מ׳פארציילט א באקאנטע מעשה ביים בעל שם טוב הקדוש זי״ע, וואס איז געפארן מיט זיינע תלמידים און דער בעל עגלה זיינע ׳אלעקסי׳, פלוצעם האט זיך דער בעל שם טוב הקדוש זי״ע געטרייסעלט מיט א גרויסע שרעק, און האט באפוילן דעם בעל עגלה, זאל פארן פון דארט שנעל, און ער האט אזוי געטאן. דערנאך האבן געפרעגט די תלמידים זייערע הייליגע רבי, וואס איז געווען די גרויסע שרעק, וואס דערוועגן האבן זיי געמוזט אנטלויפן?! האט דער בעל שם טוב הקדוש זי״ע זיי געהייסן פרעגן דער בעל עגלה, וואס האט ער געטראכט ווען זיי זענען אריבער אויף יענע פלאץ? אין אנפאנג האט ער זיך געשעמט זיי צו זאגן, אבער דער בעל שם טוב זי״ע האט געזאגט, ער זאל זיך נישט שעמען... האט דער בעל עגלה געזאגט: אז פלוצעם איז אריין אין זיין מחשבה, אז ער זאל אפהאלטן די וואגן און אפ׳שחט׳ן אלעמען, און צו נעמען זייער גאנצע געלט. און תיכף ווען ער איז פון דארט ווייטער געפארן, איז פאריבער פון איהם די שלעכטע מחשבה. און ס׳איז געווען א גרויסע וונדער ביי אלעמען, ווייל דער אלעקסי, איז געווען זייער געטריי און איבערגעגעבן צום הייליגער בעל שם טוב זי״ע, און ווי קומט איהם אזא פרעמדע און משונה׳דיגע מחשבה?! האט דער בעל שם טוב הקדוש זי״ע זיי אויפגעקלערט, אז אויף די מקום, איז אמאל גע׳הרג׳ט געווארן א יוד רחמנא ליצלן, און די קליפות וואס זענען באשאפן געווארן פון די רציחה, רוהען ביי די פלאץ. און דערפאר ווען זענען אריבער ביי די פלאץ, האבן זיך צוגעכאפט די קליפות וואס זענען דארט, און זיי האבן גורם געווען די שלעכטע מחשבות פארן בעל עגלה. זעהט מען

breslevcity.co.il

פון דעם אז די מקום איז גורם, סיי צו גוט'ס און סיי צו שלעכט'ס. און דערפאר האבן אסאך צדיקים געהאלטן, און בתוכם דער הייליגער סאטמערער רב זי"ע, נישט צו באזוכן אין די שטאט אוישוויץ, וואס דארט איז געווען א מחנה פון די ריזיגע השמדה, רחמנא ליצלן, און זענען געהארג'ט געווארן מיליאנע יודן, ה' ינקום דמם, ווייל דארטן רוהען, קליפות עצומות, און ס'איז נישט כדאי זיך דערנענטערן א הין כלל.

וואויל איז דער וואס איז זוכה מקדש צו זיין די ערטער, מיט קדושת המצוות, און ווי ער קומט אהן, טוט ער דארט עפעס א דבר שבקדושה, און ער רעדט דיבורים פון כיסופים והשתוקקות צו השם יתברך, וואס דורך דעם וועט ער ארויף צוהען א דערהויבענע הייליגקייט אויף יענע פלאץ, און ער וועט גורם זיין התעוררות מיט כיסופים צו נאך יודישע נשמות ישראל וואס וועלן דארט אנקומען, און ס'וועט ענגען אין איהם זכות הרבים, אשרי לו ואשרי חלקו.

און מוהרא"ש נ"י האט מקשר געווען די אויבנדערמאנטע ענין צו די וואכעדיגע סדרה מיט זייער א יערליכע נורא'דיגע קשר, ווייל ס'טייט און די פרשה (דברים א') אלה הדברים אשר דיבר משה אל כל ישראל בעבר הירדן במדבר בערבה מול סוף בין פארן ובין תופל ולבן וחצירות ודי זהב. זאגט רש"י: 'לפי שהן דברי תוכחות, ומנה כאן כל המקומות שהכעיסו לפני המקום בהן, לפיכך סתם את הדברים והזכירם ברמז, מפני כבודן של ישראל'; דארף מען דאך פארשטיין, פאר וואס האט משה רבינו זיי דערמאנט די אלע 'מקומות' וואס זיי

breslevcity.co.il

האבן דער הייליגער באשפער געצארנט, און ער האט נישט מרמז געווען די 'מעשים' אליין וואס זיי האבן אפגעטאן?

אבער דורך דעם אויבענדערמאנטע רבינ'ס רייד פארשטייט זיך גאנץ גוט דאס ענין. ווייל אלעס ווענדט זיך אין די מקום, ס'איז דא מקומות וואס זענען מעורר דער מענטש צו גוט'ס, און ס'איז דא וואז זענען מעורר צו פארקערט. און דערפאר האט משה רבינו דערמאנטדי אלע מקומות, און זיין כוונה איז געווען זיי צו מרמז זיין – פון איין זייט - דברי תוכחה, זיי זאלן מהרהר זיין מיט תשובה פאר השם יתברך, און פון אנדער זייט מעורר צו זיין אויף זיי זכותים פאר הקדוש ברוך הוא, אז די מקומות האבן זיי גורם געווען צו זינדיגען, און דאס איז נישט פון זיך אליין, וואס דאס איז די וועג פון צדיקים, מוכיח זיין נשמות ישראל אויף זייערע שלעכטע מעשים, און זיי אויס מוסר'ן אויף זיי, אבער פאר הקדוש ברוך הוא, זענען זיי מליץ טוב אויף נשמות ישראל. און אזוי ווי משה רבינו האט זיך געפיהרט מיט חטא העגל, אז צו נשמות ישראל האט ער געזאגט (שמות ל"ב) אתם חטאתם חטאה גדולה וגו', און צו הקדוש ברוך הוא האט ער געזאגט (שם) למה יחרה אפך בעמך וגו' (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' כ"ב), און אויך אין אלע מקומות וואס ער האט דערמאנט אין זיין תוכחה האט ער אינזין געהאט דערמאנען די אלע גוטע זאכן, וואס זיי האבן דארטן אויפגעטאן.

און אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין הייליגע ספר "אגרא דכלא" פונעם הרה"ק רבי צבי אלימלך מדינוב זי"ע, וואס ער האט מליץ

breslevcity.co.il

געווען אויף זיי צו השם יתברך – ׳בעבר הירדן׳, זאל דער באשעפער זיי געדענקען וואס זיי האבן געטאן בעבר הירדן, וואס מיט זייערע קדושה האבן זיי מבטל געווען די קליפות פון סיחון ועוג, ׳במדבר׳ – וואס זיי זענען געגאנגען נאך דער אייבישטער אונעם מדבר – בארץ לא זרועה (און א ערד וואס איז נישט איינגעבויעט), ׳בערבה׳ – וואס דארט האט זיך פנחס מוסר נפש געווען אויף קדושת שמו יתברך. ׳מול סוף׳ – וואס דארט האט נחשון בן עמינדב מקדש געווען שמו יתברך, ווען ער האט אריינגעשפרינגען אינעם ים, וואס דאס איז די וועג פון צדיקים, מליץ זיין אלערליי גוטע מליצות אויף נשמות ישראל, און אפילו ווען זיי זענען זיי מוכיח, די תוכחה איז אויף א וועג פון ליבשאפט, און זיי ארייןצוברענגען א גוטע ריח, און זיי מחזק צו זיין, און אזוי ווי די תוכחה פון משה רבינו, עליו השלום, וואס אויף איהם איז געזאגט געווארן (שיר השירים א׳) נרדי נתן ריחו (ער האט אוועק געגעבן די שמעק פון בושם), עזב לא נאמר (שטייט נישט אין דער לשון אז ער האט אפגעלאזט), אלא נתן (נאר אז ער האט געגעבן) אז ער האט געגעבן אין זיי א גוטע שמעק (ליקוטי מוהר״ן חלק ב׳ סי׳ ח׳). און אזוי ווי צדיקים האבן געטייטש דעם פסוק (משלי ט׳) אל תוכח לץ פן ישנאך, הוכח לחכם ויאהבך – ווען דו ווערסט מוכיח זיין איינעם, זאג איהם נישט ׳דו לץ׳, און דו ווערסט איהם מבזה זיין, פן ישנאך ־ ווייל א וודאי ער וועט פיינט האבן אזא מין תוכחה כזו, נאר זאג איהם – דו ביסט דאך א קלוגער, און ס׳פאסט דיך נישט

breslevcity.co.il

צו מאכן אזא זאך, דעמאלט ער אליין וועט זיך שעמען, און ער וועט תשובה טאן, און ער וועט דיך נאך ליב האבן.

און דאס איז דער טייטש אין פסוק (ויקרא י"ט) הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא – אפילו ווען דו ביסט מוכיח דיין פריינדזעה נישט מעורר צו זיין א קטרוג אויף איהם, נאר זאלסט אויך מלמד זכות זיין אויף איהם, און מיט די וועג וועסטו איהם מעורר זיין צו תשובה (און אזוי ווי עס איז מבואר אונעם אויבענדערמאנטע הייליגען ספר "אגרא דכלה", עיין שם).

און השם יתברך זאל אונז מזכה זיין, מי זאל זענען פון די מקורבים צו אמת'ע צדיקים, און אן נעמען זייערע רייד מיט ליבשאפט און מיט פארכט, ביז מ'וועט זוכה זיין זיך אומקערן מיט תשובה שלימה פארן באשעפער און נכלל ווערן אין איהם אינגאנצן, מעתה ועד עולם אמן ואמן.

breslevcity.co.il